Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 156 | Łódź, Wtorek, 7 lipca 1931 r. | נייגטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג כב תמוז תרצ״א | № 156

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224=71

# סברענט דער יודישער קווארטאל איז סאלאניקי

## 2000 כוליגאַנעס בעגאסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן דעם גאנצן יוד. פירטעל

סאלאָניקי, 6 (י. ט. א. טעלעגראפיש), 11 בייגאכט האָט א המון פון 2000 מאן בעגאָסען מיט נאפט דעם יודישען קווארטעל טאָמפעל. זיי האָבען דאן אונטערגעצינדען דעם ישוב פון אלע זייטען. ס׳איז ענטשטאנען א מורא׳דיגע שרפה. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט געשאָסען אויפ׳ן המון און די כוליגאנעס האָבען געענטפערט, ס׳זענען פערהאַן 20 פערוואונדעטע. די פּאַגראָמשטשיקעס האָבען נישט צוגעלאָזען די פייערלעשער צו לעשען די שרפה. פרטים וועגען דעם ווער ס׳איז אָפגע־ברענט געוואָרען און וועגען די שאָדענס זענען נאָך נישט פערהאַנען. דער יוסטיץ־מיניסטער אב אהאם איז ארויסגעפאָהרען קיין סאלאָניק.

## ווייצמאַנס פּאָליטישער אינטערוויאו

### האט ארויסגערופען שארפע פּראָטעסטען אויפ׳ן קאנגרעס

באַזעל, 6 (יט״א טעלעגראַפיש). דאָס הויפּט־טעמא אויף דער היינטיגער פלע־נאַרער זיצונג איז געווען דער אינטערוויאו, וואָס פּראָפ. ווייצמאַן האָט געגעבען דער יודישער טע־לעגראַפען־אַגענטור (וועלכען מיר האָבען געגע־בען אין נעכטיגען נומער), ס׳האָבען זיך געהערט שאַרפע פּראָטעסט־אויסרופען געגען ווייצמאַנען. אין דער דעבאַטע האָט לעוויטע געזאָגט, אַז ווייצמאַן מוז אַוועקגעהן, אולאזאַראוו האָט אַריינגע־טראָגען אַ דרינגענדע אינטערפּעלאַציע וועגען ווייצ־מאַנס אינטערוויאו. ווייצמאַן האָט געענטפערט און יצחק גרינבוים האָט געפאָדערט צו עפענען אַ דיס־קוסיע וועגען דעם ענטפער, דער פּאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען מיט 107 געגען 97. מיט 115 שטימען געגען 10 ביי אַלע איבעריגע אָפּגע־האַלטענע איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די פּאָליטי־שע קאָמיסיע זאָל באַלד אויסאַרבייטען אַ רעזאָלוציע וועגען ענדציל. 1 ביינאַכט דויערט נאָך די דיסקוסיע

רעגינא ווייגטרויב
בן-ציון סקורקאווסקי
האבן תנאים-געשריבן
לאָדז, אין יולי 1931

מיין ליבע שוועסטער און שוועגערין
רעגינא ווייגטרויב
צו דער פערלאָבונג
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען אלדאָס-גוטס
רוזשא און פינכס ווייגטרויב

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע
רעגינא ווייגטרויב
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען א הארציגען מזל-טוב
ירחמיאל ווייגטרויב און פאמיליע

צו דער פערלאָבונג פון מיין טאַנטע און פריינדין
פרל. רעגינא ווייגטרויב
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען א גליקליכע צוקונפט
פעלא ווייגטרויב און יודל זיסמאן

מיין שוועסטער, שוועגערין און טאנטע
רעגינא ווייגטרויב
צו איהרע תנאים
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען א גליקליכע צוקונפט
איטקא, מארקוס און אדזיא פיימאן

אונזער ל. שוועסטער, שוועגערין, טאַנטע
רעגינא ווייגטרויב
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
צו זייער פערלאָבונג — ווינשען א האר־ציגען מז״ט יאהאַנא, זיגמונד, גאליט און פאמיליע
ניו-יאָרק

מיין ליבע שוועסטער און שוועגערין
רעגינא ווייגטרויב
צו דער פערלאָבונג
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען פיל גליק און געזונד
סילווא, און יאקוב ווייגטרויב
ניו-יאָרק.

אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין
רעגינא ווייגטרויב
צו דער פערלאָבונג
מיט ה׳ בן-ציון סקורקאווסקי
ווינשען פיל גליק
מאַקס ווייגטרויב און פרוי,
אַבראַם ווייגטרויב און פרוי
וואַרשאַ.

## נייע אונרוהען איז שפאניען

### שטרייק אין די טעלעפאנען

מאַדריד, 6 (פּט). אין מאַדריד איז זוג־טאַג געקומען צו נייע אונרוהען. אין ווילא דעל ריאָ האָבען שטרייקענדע אונטערגעצונדען די קירך.

מאַדריד, 6 (פּט). אין באַרצעלאָנאַ איז אויסגעבראָכען א מיליטער־שטרייק. די סינדיקאַלי־סטען ווענדען אָן אלע מיטלען דעם שטרייק צו פערשפּרייטען איבער׳ן גאנצען לאנד. די רעגירונג נעהמט אָן ענערגישע מיטלען צו ליקווידירען דעם שטרייק.

## זעלבסטמארד פון א יודישען באנקיר

פּשעמישל 6 (טעל. פון אונזער קאָרעס־פּאנדענט) דאָ איז בעגאנגען זעלבסטמאָרד דער יודישער באנקיר בערנארד קארנפעלר, איהם האָט געזאָלט פעהלען אין דער קאָסע א סומע פון א האלבען מיליאָן זלאטים.

## פוילישער אדוואָקאט בעגעהט זעלבסטמארד

ווין, 6 (ספּ. טעל.) אין ווין איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער פוילישער אַדוואָקאַט יוזעף בעט. ער האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון פירטען שטאָק און געבליבען טויט אויפ׳ן אָרט.

## אפגעברענט די עלעקטראוניע אין קאנסטאנץ

בוקאַרעשט 6 (פּט) אַ גרויסע שרפה האָט איגגאנצען פערניכטעט די עלעקטראָווניע אין קאָנסטאנץ, דער שאָדען בעטרעפט 50 מיליאָן, די שטאָט איז אין דער פינסטער, אַ פייערלעשער איז בעתן לעשען דערשטיקט געוואָרען דורך גאז.

## ארבייטסלאזע דעמאנסטראציעס איז ווילנא

ווילנא, 6 (טעלעפאָניש). אַ גרויסע גרופּע אַרבייטסלאָזע האָבען היינט דעמאָנסטרירט פאַר׳ן מאַגיסטראַט און יואיעוואודזטווע. ס׳זענען פאַר־האַן עטליכע פערוואונדעטע און אַרעסטירטע ביים פונאַנדערטרייבען די דעמאָנסט־אַנטען.

## בעת אַ שטורם

### אומגעקומען 16 מענשען

לאָנדאָן 6 (פּט) ביים ברעג פון דרום קאליפארניען איז אויסגעבראָכען אַ שטורם, 16 מענשען, וועלכע האָבען זיך געבאָדען אין ים זע־נען דערטרונקען געוואָרען, 100 אנדערע האָט מען קוים אָפּגעראַטעוועט.

## צו אונזערע ג׳ לעזער!

מיר אָרגאַניזירן א צווייטע סעריע פון אונזער

# גרויסען פרעמיען=קאנקורס

אין דער דאזיגער סעריע וועלן אריינגעהן ווערטפולע, פּראַקטישע חפצים, ווי:
א זשיראַנדאָל, עלעקטרישע נאַכט - לעמפּלעך,
א ווזשימאַטשקע, אייל=בילדער, א קאווע=סערוויז,
א קינדער = ראָווער, פליש = מאשינקעס, ביכער
אוּן פיל, פיל אַנדערע ווערטפולע זאַכען.

דעריבער שניידט היינט אויס דעם דאזיגען קופאָן!

די גענויע רשימה פון די פרעמיעס וועט נאכקומען.

קופאָן 4—1
2=טע סעריע
פון גרויסען
פרעמיען-קאנקורס
— פון —
„נייעם פאלקסבלאט"
כדי זיך צו בעטייליגען אין פרע־מיען-קאָנקורס איז גענוג צוזו־שטעלען בלויז 30 קופאָנען.

פאר די לעזער, וועלכע האָבען נישט בעוויזען אויסצושניידען די ערשטע 3 קופאָנען פון אונזער צווייטען גרויסען פרעמיען-קאָנקורס, גיבען מיר היינט עקסטרא 1 (איין) קופאָן, וואָס בעטרעפט די דריי ביז איצטיגע קופאָנען.

